# Digitales Brandenburg

## hosted by Universitätsbibliothek Potsdam


# Rebe Meʾir Bal ha-Nes

## Mezaḥ, Yehoshuʻa

## Ṿilna, 662 [1901 oder 1902]

ז.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12911

Visual Library

דער קרעטשמער האט ניט פארשטאנען דאס רבי מאיר פאר שטייט איהם, ער האט ביי זיך געטראכט; איך מוז זיין וואס שנעלער איהם ענטגעגען, פיליכט טרעף איך איהם, וועל איך מאכען מיט איהם אסוף אויף דעם וועג, ער וועט ניט דערלעבען צו זעהן זיין ברודער, און באמת איז דאך פיל גרינגער די צוא טויטען איינציגווייס, וויא ביידע אויף איין מאל צו נעמען:

## ז.

דער קרעטשמער האט פיל צייט ניט פארלארען, ער האט זיך אנגעצויגען זיינע בייזע קליידער, אונטערין מאנטעל האט ער בעהאלטען א גרויסע שארפע האק, רבי מאיר האט דאס געזעהען האט ער זיך א ביסעל דערשראקען; דער קרעטשמער האט געזאגט צו איהם; דוא וואונדערשט זיך געוויס פאר וואס איך נעהם מיט זיך א האק, דארפסט דוא וויסען דאס אלע וועגען זיינען ניט זיכער, דער ביזענדער שטייט אין געפאהר. ער קאן טרעפען א בייזען הונד, צהונגעריגען וואלף, אדער א מענשען וואס איז נאך ערגער וויא א ווילדע חיה, דארף דער ביינ׳נדער זיין פארזיכטיג, ער מוז האבען ביי זיך געווער, ער זאל זיך קענען אין א צופאל אשלעכטען, זיך רעטטען, א. שוין ניט איין מאל האב איך מיך מ׳ין לעבען געראטעוועט פון טויט דורך די האק, פיל מאל האט געטראפען דאס איין וואלף איז געקומען מיר ענטגעגען, ער איז געוועזען זייער הונגעריג, ער וואלט מיר געוויס צו ריסען, וויא ער איז געקומען נאהענט פון מיר, האב איך איהם מיט איין קלאפ אויף זיין קאפף מיט די האק טויט געשלאגען.

— וואייל איז דעם מענשען וואס ער איז פארזיכטיג.

— האט רבי מאיר געענטפערט — נור דער מענש וואס לערינט תורה און ער איז פרום. ער איז מקיים וואס ער לערינט,

יענעס

(ר״מ בעל חנם)

יֶענֶעם מֶענְשֶׁען בֶּעשִׁיצְט דִיא תּוֹרָה, עֶר בְּרוֹיךְ קֵיין גֶעוֶועהר, דִיא תּוֹרָה אִיז בֶּעסֶער וִויא אַגוּטֶער פַּאנְצֶער.

— וִויא עֶס וַוייזְט אוֹיס — הָאט דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער גֶעזָאגְט צוּא זִיךְ אַלֵיין, אִיז דֶער רֵייזֶענְדֶער אַלַמְדָן, אוּנ אַפְּרוּמֶער, אָט וֶועל אִיךְ זֶעהֶען וִויא זַיין תּוֹרָה אוּנ זַיינֶע מִצְוֹת וֶועלֶען אִיהם בַּאשֶׁעוֶוען פוּן מַיין הַאנְד.

## ח.

אִין יֶענֶעם אוֹיגֶענְבְּלִיק הָאט דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער פַארְלָאזְט דִי קְרֶעטְשְׁמֶע, אוֹיף דֶעם וֶועג אִיז גֶעוֶועזֶען פִינְסְטֶער פַארְוָואלְקֶענְד, אַקְלֵיינֶער רֶעגֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן אוֹיבֶען, אַבְּלִיץ נָאךְ אַבְּלִיץ אַדוּנֶער נָאךְ אַדוּנֶער וָואס וַוייטֶער אִיז גֶעוָוארֶען דֶער רֶעגֶען שְׁטַארְקֶער, נָאר דֶעם קְרֶעטְשְׁמֶער הָאט דֶער רֶעגֶען נִיט אָפְּ-גֶעהַאלְטֶען, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט גְרוֹיס רְצִיחָה אוֹיף דֶעם וֶועג וָואס עֶס פִיהְרְט אִין שְׁטָאדְט, פִילֵייכְט וֶועט עֶר טְרֶעפֶען רַבִּי מֵאִיר׳ס בְּרוּדֶער אוֹיף דֶעם וֶועג, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּנ הָאט גֶעחֲזָרְת דֶעם נָאמֶען „כִּי טוֹבִ״ עֶר זָאל אִיהם נִיט פַארְגֶעסֶען, אָבֶער עֶר הָאט אוֹיף דֶעם וֶועג אִיהם נִיט גֶעטְרָאפֶען, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אַוַוייטֶע וֶועג אוּנ עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ וואו רַבִּי מֵאִיר הָאט אִיהם בַּאצֵייכֶענְט דֶעם אָרְט וואו עֶר הָאט גֶעלָאזְט זַיין בְּרוּדֶער „כִּי טוֹבִ״ דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער הָאט דָארְטֶען גֶעפְרֶעגְט בַּייא פִיל מֶענְשֶׁען, וֶועסֶען עֶר הָאט גֶעפוּנֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ וואו אִיז „כִּי טוֹבִ״ אוֹיךְ נֵייעֶנְדִיג אוֹיף דֶעם וֶועג וֶועסֶען עֶר הָאט גֶעטְרָאפֶען הָאט עֶר דִיא זֶעלְבִּיגֶע פְרַאגֶע גֶעפְרֶעגְט, צוּ זַיינֶעם בֶּעדוֹיעֶרֶען הָאבֶּען אַלֶע אֵיין נָאךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט דָאס זַייא וַוייסֶען נִיט וואו עֶר אִיז אוּנ זַייא הָאבֶּען אִיהם קֵיין מָאל נִיט גִיזֶעהֶען, אוֹיךְ נִיט גֶעהֶערְט קֵיין מָאל פוּן אַמֶענְשֶׁען וָואס זַיין נָאמֶען אִיז „כִּי טוֹבִ״. אַגַאנְצֶע נַאכְט הָאט אִיהם דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער גֶעזוּכְט, זַיינֶע קְלֵיידֶער

(ר״ם בעל הנס)